# זאָג, מלכּה׳לע די שיינע

זאָג, מלכּה׳לע די שיינע,
צי געדענקסטו נאָך דאָס ליד:
„ס׳איז בעסער צו זיין אַ דאָרן
איידער אַ בלום וואָס בליט״?

כ׳האָב דיר דאָס ליד געזונגען
איידער די באַן איז אַוועק,
איידער די האַרבסטיקע ווינטן
האָבן פאַרוויעט דעם וועג.

די באַן איז אַוועקגעפאָרן
און ס׳איז אַוועק די שיף,
איצט וואָרקעט נאָר מיין בענקשאַפט
מיט לידער און מיט בריוו.

בײַ לופּו סין לופּו אין שענקל
זיץ איך ביים גלעזל וויין,
אַ פרומער שטערן פינקלט
דורך דער שויב צו מיר אַריין.

וואָלט איך געוועזן אַ שטערן,
וואָלט איך נישט לאַנג געטראַכט
און וואָלט מיט אַ שטילן ציטער
געפאַלן אויף דיין דאַך.

און וואָלט איך געווען אַ שניידער,
וואָלט איך געפֿלויגן צו דיר
און מיט מיין גילדענעם פינגערהוט
אָנגעקלאַפּט אין דיין טיר.

וואָלסטו אַרויסגעקומען
אין דיין לאַנגן, געשטיקטן העמד
און די פרעמד, וואָס האָט דיך געפאַנגען,
וואָלט מער נישט געווען פרעמד.

„סקאָצל קומט״ — וואָלסטו געמורמלט,
מיך פאַרבעטן אין שטוב אַריין
און ס׳וואָלט פאַרשמעקט אין שטיבל
מיט יונגע ניס און ווייַן.

בין איך אָבער נישט קיין שטערן
און אפילו קיין שניידער ניט,
איז מיר בעסער צו זיין אַ דאָרן
איידער אַ בלום וואָס בליט.